בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

יתרו
כ' שבט תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:36 |
| מוצש"ק | 5:51 |
| ר"ת | 6:30 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:35 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:04 |

גליון מס': קע"א
שנה ד'

## טיב הפרשה

# די חשיבות פון עבודת המידות ביי א איד

## דרך ארץ קדמה לתורה

די וואכענדיגע פרשה פון יתרו הייבט זיך אן מיט'ן ערציילונג אז משה רבינו איז געזעסן און גע'משפט כלל ישראל פון צופרי ביז ביינאכט.

רש"י אויפ'ן ארט באטאנט אז דער 'ויהי ממחרת' איז געווען מוצאי יום כיפור.

ווען מ'מאכט א חשבון קומט אויס אז מען האט שוין געהאלטן נאך מתן תורה, און ווי רש"י פירט אויס אויפ'ן ארט איז אויך דא שייך דער באקאנטער כלל אז אֵין מֻקְדָּם וּמְאֻחָר בַּתּוֹרָה.

עס איז א באקאנטער כלל אז די תורה הק' האט נישט דווקא קיין סדר, אז א זאך וואס האט פאסירט שפעטער שטייט אמאל פריער, אבער געווענליך וועט עס האבן א סיבה.

שטעלט זיך די שאלה, פארוואס האט די תוה"ק דא פארדרייט דער סדר און געשטעלט די שפעטערדיגע מעשה פאר די פריערדיגע מעשה.

אין די וואכענדיגע פרשה גייען מיר לערנען וועגן קבלת התורה, און די מעשה וואס עס שטייט אנהייב פרשה איז געווען אסאך פאר קבלת התורה?

עס קען זיין אז די כוונה פון די תוה"ק מיט'ן אויסדרייען די סדר הדברים נעמט זיך פון דער דערהער וואס די תוה"ק וויל אונז אויסלערנען דא, די תוה"ק וויל אונז דא אויסלערנען די וויכטיגקייט פון 'תיקון המידות' און אז זי איז א הכנה צו קבלת התורה, און אז וועגן דעם האט משה רבינו זוכה געווען אז דורך אים איז געגעבן געווארן די תורה הק' פאר'ן כלל ישראל.

די פרשה פון 'יתרו' און דער באזוך פון משה רבינו'ס שווער אין מדבר, איז א שטארקער לימוד אויף די עבודת המידות און אויף די ריינע און אויסגעאיידעלטע מידות וואס משה רבינו האט געהאט.

ווען מען נעמט אינאכט די גרויסקייט פון משה רבינו וועלכער איז דאן געווען ברום המעלה און אז ער האט געשפאלטן די ים סוף פאר כלל ישראל, זיי ארויסגענומען פון מצרים, זיי געברענגט צום בארג סיני, וואס אין זיין זכות האט כלל ישראל געהאט צועסן מן, און ער האט געוויילט אין הימל דריי מאל פאר גאנצע פערציג טעג, אן עסן, אן טרינקען און זיין חשיבות ביי כלל ישראל, און דא קומט צוגיין א גר צדק און טיילט אים איין וואס צו טון און געבט אים עצות ווי אזוי צו פירן דעם כלל ישראל, קען מען פארשטיין אז דא האט געקענט זיין א שטיקל פגיעה אין משה רבינו, אבער מיט דעם אלעם דערציילט די תוה"ק איבער די אויסטערלישע כבוד וואס משה רבינו האט געגעבן פאר זיין שווער, און ווי די תוה"ק איז מעיד (יח, כד) וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה לְקוֹל חֹתְנוֹ וַיַּעַשׂ כֹּל אֲשֶׁר אָמָר, זעט מען דא די געוואלדיגע עבודת המידות פון משה רבינו און זיין ענווה און זיין בויגזאמקייט פאר א צווייטן, אפילו ווען דער צווייטער איז געווען א פרעמדער, א גוי, וואס האט געהאלטן נאך פארן ווערן א גר צדק.

די נקודה וויל די תוה"ק אונז לאזן הערן דא, די כוונה פון שטעלן די פרשה איידער די קבלת התורה איז צו לאזן הערן די חשיבות פון מידות, און ווי וויכטיג עס איז אז מען זאל עס מקדים זיין פאר תורה און אז דאס איז די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה.

דער דערהער אז מידות טובות איז א הכנה פאר קבלת התורה ווערט מבואר אין אסאך ספרי קודש, אבער ביתר שאת ברענגט עס ארויס דער הייליגער צדיק רבי חיים וויטאל זצוק"ל אין דער ספר שער הקדושה.

אין שער הקדושה ברענגט רבי חיים וויטאל זצ"ל אראפ די מאמרי חז"ל כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה, כל המתגאה כאילו בא על העריות, און פרעגט אז אויב די הארבקייט פון די עבירות איז אזוי גרויס פארוואס טוט נישט די תוה"ק רעדן איבער די גנות פון די מידות רעות.

די הארבע קשיא פארענטפערט ער מיט דער דערמאנטער יסוד אז 'דרך ארץ קדמה לתורה', אז מהאי טעמא שרייבט די תוה"ק נישט די אלע מידות ווייל די מידות זענען א הכנה צו די תוה"ק, אז אן מידות טובות

## טיב המערכת

## גַּלְגַּל הַחוֹזֵר בָּעוֹלָם

עס איז באוואוסט אז דער בַּאָרַאן ראטשילד איז געווען א איד וועלכער האט געגלייבט אין השי"ת און איז געווען זייער א געוואלדיגער בעל צדקה, נאר כִּשְׁגָגָה שֶׁיֹּצָא מִלִּפְנֵי הַשַּׁלִּיט, האט ער זיך אמאל אויסגעדרוקט אז צוליב זיין געוואלדיגע עשירות איז נישט שייך קיין מציאות אז ער זאל שטארבן פון הונגער. דער באראן האט חס וחלילה נישט געמיינט צו זאגן אז ער געפינט זיך נישט אונטער די רשות פון באשעפער, נאר ער האט געוואלט דערמיט געבן צו פארשטיין ווי רייך ער איז, אויף אזוי ווייט אז אפילו אויב זיינע געשעפטן וועלן פאלן, זעט עס נישט אויס אז זיין טויט וועט אנקומען דורך נישט האבן וואס צו עסן.

האט אבער די השגחה עליונה אים געוואלט ווייזן אז אלעס איז אין די האנט פון השי"ת, און אפילו אויב זיינע געשעפטן וועלן נישט פאלן איז ער נאך אלץ אימשטאנד צו שטארבן דורך הונגער, און דעריבער איז געשען די פאלגנדע: איין טאג האט דער באראן געעפנט זיין ריזיגע פייער-קאסע, און איז אריינגעגאנגען אינעווייניג עפעס צו מסדר זיין, און פלוצלונג האט זיך די טיר פונעם ריזיגן קאסע פארמאכט אויף אים.

די טיר איז געווען אזוי געבויט, אז מען האט עס נישט געקענט עפענען פון אינעווייניג, ווייל וויבאלד עס איז נישט געמאכט געווארן זיך אויפצוהאלטן אינעווייניג, האט מען עס אזוי געבויט אז מען האט עס נאר געקענט עפענען פונדרויסן, און דעריבער האט עס דער באראן נישט געקענט עפענען. אויך איז עס געווען געבויט פון דיקע אייזן, אויף אזוי ווייט אז אפילו ווען מען האט שטארק געקלאפט פון אינעווייניג האט מען עס נישט געקענט הערן פונדרויסן, און דעריבער איז דער באראן געבליבן אינעווייניג, אן צו האבן עפעס צו עסן דארט.

ער איז געבליבן באהאלטן דארט עטליכע טעג, און כאטש מען האט אים זייער שטארק געזוכט, האט מען נישט געטראכט אז ער איז דארט, און נאר נאך עטליכע טעג האט מען באשלאסן אויפצוברעכן דעם פייער-קאסע, און דעמאלטס האט מען אים געטראפן, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט...

דארט מיט אים איז געווען א בריוו וואס ער האט געשריבן איידער ער איז געשטארבן, און דארט האט ער זיך מתוודה געווען אויף דעם וואס ער האט בכלל געטראכט אז עס קען זיין א מציאות אז ער איז נישט אין די האנט פון השי"ת חס וחלילה, און ער אנערקענט אין זיין עונש וואס איז מדה כנגד מדה.

אט די מעשה קומט אונז לערנען, אז א מענטש קען בכלל נישט אויספלאנען זיין צוקונפט, און עס איז נישט שייך זיך גרויסצוהאלטן מיט דאס וואס מען פארמאגט.

דאס זעען מיר אויך אין די פרשה פון די וואך, וואו עס שטייט אין פסוק וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ וגו' חֹתֵן מֹשֶׁה, און רש"י איז מפרש, אז דא האט זיך יתרו מכבד געווען מיט משה – איך בין דער שווער פונעם קעניג, און פריער האט משה אנגעהאנגען די גרויסקייט אין זיין שווער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: וַיָּשָׁב אֶל יֶתֶר חֹתְנוֹ. ווייל יתרו איז אין אנהייב געווען זייער גרויס, און משה איז געווען א טפל צו אים און האט זיך געפריידט אז ער האט זוכה געווען אז ער איז געווארן זיין איידעם, אבער נאכדעם האט זיך דער רעדל איבערגעדרייט און יתרו איז געווען דער וואס האט זיך מכבד געווען זייענדיג דער שווער פון משה.

פון דא זאל דער מענטש פארשטיין, אז אפילו ווען ער געפינט זיך אין א מדריגה פון גדלות, זאל ער זיך היטן און זיך נישט גרויסהאלטן, ווייל אין א רגע קען זיך אלעס איבערדרייען. און אזוי אויך פארקערט, אז ווען א מענטש געפינט זיך אין א שטארקע דערנידערונג, זאל ער זיך זייער שטארקן, און ער זאל וויסן און געדענקען אז אין איין רגע קען זיך זיין מצב אינגאנצן איבערדרייען, און ער קען דערהויבן ווערן לגדולה ולשררה. עס איז נישטא קינער אויף דער וועלט וואס קען וויסן וואס דער צוקונפט טוט באהאלטן פאר אים.

(עפ"י טיב התורה – יתרו)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

איז נישט דא קיין תורה הק׳.

דער געדאנק ברענגט אויך אראפ דער הייליגער קאמארנער זי״ע און געבט צו פארשטיין אז די תוה״ק איז דאך געגעבן געווארן פאר א ׳מענטש׳, און איינער וואס איז נישט קיין בעל מידות איז נישט בגדר מענטש, און ווייל עס איז אזוי פשוט - דארף עס נישט ווערן ארויסגעברענגט עקסטער.

אין א שמועס פון מורי ורבי הגה״צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ״ל, האט ער מיר אנגעוויזן אז ווען מ׳קוקט אריין אין די מ״ח דברים שהתורה נקנית בהן זעט מען אז אסאך פון זיי רעדן איבער מידות וואס זענען נוגע צו זאכן וואס זענען בין אדם לחבירו.

די משנה שטעלט זיי אלץ א הקדמה צו די תוה״ק ווייל נאר ווען מ׳האט זיי קען מען מקבל זיין אויף זיך די תורה הק׳ און די תורה קען אריינגיין אין דער מענטש, ווייל אז די מידות פעלן - פעלט אויך דער כח צו קענען קונה זיין די תוה״ק.

די בחינה זעט מען אויך בחוש. מען זעט אז עס איז דא אסאך אידן וואס זענען עוסק בתורה אבער די תוה״ק גייט נישט אריין אין זיי, און נאכ׳ן לערנען פארגעסן זיי אלעס וואס זיי האבן געלערנט.

דאס נעמט זיך פון דעם אז מען האט נישט אנגעגרייט אז די תוה״ק זאל קענען אריינגיין אין דער מענטש, און אז עס האט נישט וואו אריינצוגיין קען עס זיך נישט האלטן אין דער מענטש.

אז מ׳וועט זיך מתבונן זיין אין די היסטאריע פון כלל ישראל איז די נקודה שטארק בולט ביי אידן. מען זעט אז אלע גדולי תורה וואס האבן זוכה געווען צו גדלות בתורה זענען געווען גרויסע בעלי מידות, ווייל די צוויי זאכן גייען צוזאמען האנט ביי האנט.

מען דערציילט אויפ׳ן ירושלימער רב הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל אז פאר גאנצע דרייסיג יאר האט ער געדאווענט אין איין שול, און ער האט זיך קיינמאל נישט אויפגעשטעלט פון זיין ארט צו פארמאכן א פענסטער אדער עס עפענען.

עס האט געקענט זיין פראסטיג קאלט, אדער קאכעדיג הייס, אין די הייסע זומער וואכן אין ירושלים עיה״ק, אבער ער האט קיינמאל נישט געעפענט אדער פארמאכט א פענסטער נישט וועלנדיג פוגע זיין א צווייטן איד, וויסנדיג אז דער עפענען א פענסטער אדער עס פארמאכן קען זיך גרעניצן מיט׳ן מצער זיין א צווייטן איד.

דער טיר צו גוטע מידות איז איינצוווארצלען אין הארץ זיך צו צושטעלן צו א מצב, אויך ווען דער מצב איז קעגן זיין רצון. אז מען לעבט אזוי און מען איז משלים מיט יעדן מצב, און נישט נאר איז מען משלים נאר מען וויל עס - ווערן די מידות אויסגעארבעט.

א מענטש דארף וויסן אז סיי ווי סיי איז נישט דא אזא זאך אין די וועלט אז אלעס זאל זיין ווי ער וויל. עס איז נישט דא דער מענטש וואס האט אלעס אויף די וועלט. פאר זיין טובה וועגן איז גוט אז עס זאל זיין שטרויכלונגען אין די וועג. אז ער ווייסט דאס געניג שטארק און עס ליגט אים אין די ביינער, איז ער זוכה דורכדעם צו ׳תיקון המידות׳ און זיך אויסארבעטן אין מידות טובות.

מען דארף אויך וויסן אז הקב״ה פירט אים און ער פירט אז אלעס זאל זיין לטובה, און אז מען איז שטענדיג אין זיינע הענט און מען זאל זיך לאזן פירן פון אים גלייבנדיג אז וואס ער טוט איז לטובה.

אז מען לעבט אזוי איז מען זוכה צו לעבן א גליקליכער און א צופרידענער לעבן און מען קומט אן צו שלימות אין מידות טובות.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל זוכה זיין זיך אויסצוארבעטן אין מידות טובות און זוכה זיין צו שלימות און צו מקבל זיין די תורה הק׳ בשלימות.




# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזהך לייענדס

## צוויי מעשה׳ס - איין מעסעדזש

אלץ א שטענדיגער לייענער פון די גליון און אלץ איינער וואס לייענט די געשיכטעס וואס ווערן דא דערציילט, בין איך אסאך מאל סקעפטיש איבער די מעשה׳ס וואס איר דערציילט דא.

איר שילדערט מיט׳ן גאנצן ברען ווי פון צייט צו צייט זען אידן אזעלכע אפענע און שיינע געשעענישן. ביי מיר דרוקט עס אויס וואונדער, אבער די וואך ווען איך האב אליין געזען ביי מיר אינטערעסאנטע זאכן האב איך באשלאסן אז כ׳גיי עס מיטטיילן מיט אייך דא.

עס איז קליינע געשיכטעס, נישט עקסטער דראמאטיש, אבער עס געבט ארויס די געדאנק פון די השגחה פרטית וואס באגלייט יעדן איד אין יעדן ארט.

מעשה שהיה אז איך האב זיך ארויסגעלאזט צו די לאקאלע גראסערי איינצוקויפן אן ארדער אויף שבת. איך גיי שטענדיג אין א גרעסערע סופערמארקעט. אין די גרויסע סופערמארקעטן איז דא א ברייטע אויסוואל, אבער די פארקויפער זוכן צו פארקויפן וואס מער און שטעלן אונטער וועגן און מיטלען ווי אזוי דער קויפער זאל קויפן מער.

איינס פון די גאנגבארע וועגן איז די סעיל׳ס, אז אויב דו קויפסט צוויי, באקומסטו עס ביליגער.

אלץ אן אויסגערעכנטער מענטש וועל איך אייביג מאכן א ליסטע וואס כ׳דארף, אז כ׳זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די סארט דריידלעך.

שפאצירנדיג אין די סופערמארקט און אנפאקנדיג מיין וועגעלע מיט געברויכן, האט א איד זיך דערנענטערט צו מיר בעטנדיג אז אזוי ווי עס איז דא א ביליגע סעיל פאר ווער עס קויפט צוויי און ער זעט דא א גוטער פראדוקט און ער דארף נישט די גאנצע צי איך וויל זיך טיילן מיט אים.

זייענדיג מיט א גדר נישט צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די סארט דריידלעך, האב איך אים אפגעזאגט.

איך בין געווען זיכער אז ער וועט טרעפן א צווייטן, אבער ווען עס איז אריבער א שטיק צייט און ער האט נישט געטראפן קיין אנדערן האב איך זיך דערבארעמט אויף אים זעענדיג אז עס גייט אים אזוי בנפשו, און איך האב מסכים געווען זיך צו צוטיילן מיט אים.

מען האט געענדיגט די געשעפט און באצאלט און זיך געלאזט צו נעמען די לאקאלע באס.

מיינע הענט זענען געווען פול מיט זעק, איך האב עס שווערליך געקענט שלעפן, מיטאמאל קומט צו א איד און פרעגט מיר צי ער קען מיר העלפן שלעפן די זעק. זייענדיג אזוי געדרוקט האב איך אנגענומען די אפפער, און זיך גרינגער געמאכט.

איך קויף איין דארט וועכענטליך, עס האט זיך מיר קיינמאל נישט געמאכט אז איינער זאל מיר אפפערן אזא זאך.

איך האב צוזאמענגעבינדן די צוויי געשעענישן, אז אין זכות פון העלפן א צווייטער איד האט מען מיר געהאלפן פון הימל.

שפעטער אין נאכט האב איך געדארפט פארן צו די שטאט רמלה פאר א וויכטיגער באגעגעניש. דער פלאן איז געווען צו נעמען א באס, איך האב זיך געאיילט צו די באס סטאנציע, אבער איך האב פארשפעטיגט די באס.

איך בין געווען אין א פארלעגנהייט, אבער האלטנדיג נאך א פערזענליכע השגחה פרטית איבערלעבעניש האב איך געבעטן הקב״ה ער זאל מיר העלפן אז אויך דא זאל איך זען דער יד ה׳.

עטליכע מינוט שפעטער האט זיך אפגעשטעלט נעבן מיר א קאר. דער בעל הקאר האט מיר איינגעלאדענט אז כ׳זאל אריינקומען מיט אים אין די קאר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד פארט צו די זעלבע ארט וואו כ׳פאָר.

איך האב אים נישט אפגעשטעלט און נישט געזאגט ווי איך דארף גיין, אבער מן השמים האט מען אזוי געפירט אז ער זאל זיך אפשטעלן נעבן מיר און מיר צופירן צו די ציל וואו כ׳דארף גיין.

איך האב געזען בחוש אז ווען א איד לאזט זיך פירן פון אויבן און גלייבט אז יעדער ריר איז מיט א קלארע חשבון, העלפט מען אים ארויס מן השמים אז ער זאל קענען זיין די אמונה מיט א קלארקייט און זיך שטארקן דורך איר מיט די אמונה טהורה אין השגחה פרטית, אז הקב״ה פירט א איד אויף טריט און אויף שריט אייביג און איבעראל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ג.ל.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב הטהרה

שבת טהרנו
התעוררות וחיזוק
נגד פגעי הטכנולוגיה
שע"י 'ועד קהילות הקודש' בארה"ק
ימי השובבי"ם

**לרגל 'שבת טהרינו' בקהילתינו 'שִׁבְתִּי', ברענגען מיר דא א שמועס פון מורינו ורבינו הגה"צ שליט"א – ארויסגענומען פונעם נייעם קונטרס 'טיב חומותיך', געקליבענע שמועסן פון מורינו ורבינו שליט"א קעגן די פגעי הטעכנאלאגיע, וואס ערשיינט לרגל די הייליגע שובבי"ם טעג**

# עֲשֵׂה לְךָ רַב

## די 'דברי סופרים' זענען מער הארב, צו צוהערן צום 'שׁוֹפֵט שֶׁבְּיָמֶיךָ' כדי צו געראטעוועט ווערן פון די נגיעות וואס א מענטש האט

## הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַתּוֹרָה

מיר ווייסן דאך אז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ, וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים, וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים, און אזוי זענען די ווערטער פון די הייליגע תורה נשתלשל געווארן א דור נאך א דור, ביז זיי זענען אנגעקומען צו די חכמים פון אונזער היינטיגער דור, און די חֲכָמִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, אן קיין שום יוצא מן הכלל, פון אלע געמיינדעס און אלע קרייזן, האבן דאך גע'פסק'נט אז עס איז אסור זיך צו באניצן מיט די דאזיגע כֵּלִים הַטְּמֵאִים, און יעדער וואס פאלגט זיי נישט, גייט אריין אינעם מצב פון 'עוֹבֵר עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים', חס וחלילה.

## חֲמוּרִים דִּבְרֵי סוֹפְרִים מִדִּבְרֵי תוֹרָה

עס ווערט געברענגט אין די הייליגע גמרא (עירובין כא, ב): בְּנִי! הִזָּהֵר בְּדִבְרֵי סוֹפְרִים יוֹתֵר מִדִּבְרֵי תוֹרָה. שֶׁדִּבְרֵי תוֹרָה יֵשׁ בָּהֶן עֲשֵׂה וְלֹא תַעֲשֶׂה, וְדִבְרֵי סוֹפְרִים - כָּל הָעוֹבֵר עַל דִּבְרֵי סוֹפְרִים חַיָּב מִיתָה.

אייגנטליך דארף מען עס דאך פארשטיין, ווייל עס זענען דאך דא אסאך גופי תורה וואס דער וואס איז עובר אויף דעם איז נישט חייב מיתה, אויב אזוי, פארוואס זאל 'דברי סופרים' זיין מער הארב ווי 'דברי תורה'? איז דא וואס ענטפערן, אז די תורה שבכתב איז בבחינת 'מלך', וויבאלד די באפעלן וואס שטייען דארט, זענען די גזירות פון הקב"ה, און די ווערטער פון די חכמים זענען נאר די 'גְּדָרִים וּסְיָגִים' וואס דערווייטערן דעם מענטש פון די עבירה, און זיי זענען געגליכן צו די 'שׁוֹמְרֵי הַמֶּלֶךְ' וואס היטן דעם קעניג אז מען זאל אים נישט שעדיגן.

און דער דרך העולם איז, אז א קעניג האט נישט דער מעגליכקייט צו שטראפן און לאזן הרג'נען דער וואס האט עובר געווען אויף זיינע גזירות, אנדעם וואס ער זאל אים פריער שטעלן צו א משפט, וואו מען פארשט גוט אויס אלע איינצלהייטן פון זיין עבירה, און נאר נאכדעם וואס מען האט קלארגעשטעלט אז עס איז נישטא קיין ארט אים צו גערעכט מאכן, דעמאלטס האט ער דער מעגליכקייט ארויסצוגעבן זיין אורטייל.

אנדערש איז אבער ביי די 'שומרי המלך'. זיי זענען ערלויבט צו שעדיגן און צו הרג'נען אן קיין שום חקירות ודרישות, פאר יעדן איינעם וואס דערנענטערט זיך צו דער קעניג און ער איז פארדעכטיגט אז ער האט פיינט דער קעניג און זוכט זיין שלעכטס, איז כאטש וואס די היטער פונעם קעניג האבן נישט אזא שטארקער כח ווי דער קעניג, זענען זיי ערלויבט צו הרג'נען די ווידערשפעניגער אינעם קעניג, נאכמער ווי דער ערלויבעניש און כח וואס דער קעניג אליין טוט פארמאגן.

אזוי אויך ווייסן מיר דאך אז מַלְכוּתָא דְּאַרְעָא איז כְּעֵין מַלְכוּתָא דִרְקִיעָא, די תורה שבכתב איז אזוי ווי דער קעניג, די מלכות התורה וואס דער וועלכער איז עובר אויף איינס מִכָּל מִצְוֹת ה' אֲשֶׁר לֹא תֵעָשֶׂינָה קענען אים דער סנהדרין נישט הרג'נען, נאר נאכדעם וואס מען האט גוט אויסגעפארשט די עדים וואס האבן געזען דער וואס האט עובר געווען די עבירה און מען האט אים אנגעווארנט, און מען טוט וואס ווייניגער פסק'נען דיני נפשות לחובה, אזוי ווי אונזערע הייליגע חז"ל האבן געזאגט (מכות ז, א) אז א סנהדרין וואס האבן געלאזט הרג'נען א מענטש איינמאל אין זיבן יאר, און אנדערע זאגן – איינמאל אין זיבעציג יאר, ווערן זיי אנגערופן א בית דין קַטְלָנִית.

אבער פון די אנדערע זייט, איז די תורה שבעל פה און די אנווייזונגען פון די חכמי התורה אזוי ווי די 'שומרי המלך', וואס זיי האבן די ערלויבעניש צו ארויסגעבן א חיוב מיתה פאר דער וואס איז עובר אויף זייערע ווערטער, טראצדעם וואס די תורה אליין – וועלכע איז אין די בחינה פון 'מלך' – געבט נישט ארויס א חיוב מיתה אויף אסאך עבירות.

## אויך די דַּעַת תּוֹרָה שֶׁבְּיָמֵינוּ איז אין כלל דערפון

על כל פנים, זעען מיר פון דא אז 'חֲמוּרִים דִּבְרֵי סוֹפְרִים יוֹתֵר מִדִּבְרֵי תוֹרָה'. אבער נאכמער דארפן מיר וויסן און געדענקען, אז 'דברי סופרים' זענען נישט נאר אלע גדרים וואס די הייליגע חז"ל האבן מתקן געווען אין זייערע צייטן, נאר יעדער חכם אין זיין דור וואס מאכט א גדר כדי לַעֲמֹד בַּפֶּרֶץ, איז זיין תקנה אין כלל פון 'דברי סופרים', און אויך אויף דעם איז געזאגט געווארן אז ווער עס איז עובר אויף זיינע ווערטער איז חייב מיתה.

## די וואס האלטן 'כלי משחית' זענען עוֹבְרִים עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים לְכָל הַדֵּעוֹת

און אין אמת'ן אריין איז ביז ממש לעצטנס, כמעט נישט געווען בנמצא אזא מענטש וואס מען האט אים געקענט אריינלייגן אין כלל פון אן 'עובר על דברי חכמים' צווישן די ערליכע אידן, ווייל מיר געבן דאך אלע אכטונג אויף אלע גְּדָרִים וּסְיָגִים וואס די הייליגע חז"ל האבן גוזר געווען, און אויך זענען מיר זנהר אויף אלע חרמות און תקנות וואס אונזערע רבי'ס די ראשונים און אחרונים האבן ארויסגעגעבן, און אפילו דאס וואס די גדולי הדורות האחרונים האבן אנגענומען להלכה, איז אויך נתקבל געווארן בתפוצות ישראל, און יעדער געבט אכטונג דערויף. און כאטש עס זענען דא אסאך זאכן וואס עס איז דא אין דעם א מחלוקת, און טייל פירן זיך אזוי ווי די מקילים, קען מען זיי אבער נישט באטיטלען אלץ 'עֲבַרְיָנִים', וויבאלד למעשה האבן זיי אויף וועמען זיך צו פארלאזן.

אבער לעצטנס איז יא געשאפן געווארן אזא מציאות, וויבאלד בזמנינו זענען דא 'עֲבַרְיָנִים', וואס קימערן זיך נישט מיט די ווערטער פון די חכמים, און זיי זענען די וואס האלטן די כֵּלִים הַטְּמֵאִים, ווייל עס איז נישטא קיין גדול מישראל וואס לויט זיין מיינונג איז מותר צו האלטן די כלים, אזוי אז דער וואס וויל מקיל זיין קען נישט זאגן אז ער פארלאזט זיך אויף א געוויסער רב, דעריבער מוז זיין אז ער רעכנט זיך נישט מיט די מיינונג פון די חכמי ישראל, און אזוי איז ער ממש אין כלל פון א 'פורק עול', און אויף אזעלכע מענטשן זאגן די הייליגע חז"ל 'חייב מיתה'!

און ווי געזאגט, מיינט מען דערמיט נישט נאר די חכמים אין די פריערדיגע דורות, אזוי ווי די אנשי כנסת הגדולה, נאר אלע חכמים אין אלע דורות וואס זענען אויפגעשטאנען פאר כלל ישראל ביזן היינטיגן טאג, און אזוי ווייטער ביז משיח וועט קומען, און כלל ישראל האט מקבל געווען זייערע ווערטער, איז ווער עס איז עובר אויף דעם ווערט אנגערופן 'עובר על דברי חכמים', ווייל עס גייט דאך נישט ארויף אויפן שכל אז אין שולחן ערוך זאל מען פסק'נען אז דער אינטערנעט איז אסור, וויבאלד די קליפה האט נאכנישט עקזיסטירט אין זיין צייט, נאר אין יעדן דור האט אונז דער אויבערשטער אוועקגעשטעלט די חכמי הדורות.

## שׁוֹחֵט מִשּׁוּם מַאי חַיָּב?

מיר ווייסן דאך וואס דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט, ערקלערנדיג עַל דֶּרֶךְ הָעֲבוֹדָה דאס וואס אונזערע הייליגע חז"ל האבן געזאגט (שבת עה, א): 'שׁוֹחֵט מִשּׁוּם מַאי חַיָּב? רַב אָמַר מִשּׁוּם צוֹבֵעַ'! און ער האט געגעבן צו פארשטיין, אז דער 'שוחט' מיינט מען דער 'יצר הרע', וויבאלד ער איז אויך דער 'מלאך המות' וואס איז מֵמִית דער מענטש, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן אויף אים (בבא בתרא טז, א) אז אין אנהייב איז ער 'יוֹרֵד וּמַתְעֶה' ער גייט אראפ און ער רעדט איין דעם מענטש און מאכט אים זינדיגן, נאכדעם איז ער 'עוֹלֶה וּמַרְגִּיז' ער גייט ארויף אויבן און מאכט א צארן אין הימל דורך זיינע קִטְרוּגִים, און דורכדעם 'נוֹטֵל רְשׁוּת וְנוֹטֵל נְשָׁמָה', נעמט ער ערלויבעניש און ער נעמט צו די נשמה, און וויבאלד עס איז אזוי קען מען אים ריכטיג אנרופן 'שוחט'.

און דער הייליגער בעל שם טוב זיע"א איז מפרש דאס וואס די גמרא פרעגט 'שוחט משום מאי חייב', ווי פאלגנד: דער 'שוחט' איז דאך דער יצר הרע, ווי ערקלערט, פארוואס איז ער חייב? דאס מיינט, פארוואס זאל ער זיין חייב מיתה? ווייל די הייליגע חז"ל זאגן דאך (סוכה נב, א) אז 'לֶעָתִיד לָבוֹא מְבִיאוֹ הקב"ה לְהַיֵּצֶר הָרָע וְשׁוֹחֲטוֹ בִּפְנֵי הַצַּדִּיקִים וּבִפְנֵי הָרְשָׁעִים', און פארוואס באשטראפט מען אים טאקע מיט מיתה? און דו זאלסט נישט מיינען אז דאס איז צוליב דעם וואס ער רעדט איין די מענטשן צו ווידערשפעניגן אין מלכות שמים, ווייל דערמיט האט ער אויסגעפירט זיין אויפגאבע, און מען באשטראפט נישט דער וואס האט מקיים געווען דעם ווילן פונעם באשעפער. דערויף ענטפערט רב, אז דאס איז 'מִשּׁוּם צוֹבֵעַ'! דאס מיינט, אז מען באשטראפט אים נישט אויף דעם אליין וואס ער האט איינגערעדט די מענטשן צו זינדיגן, נאר מען באשטראפט אים אויפן שטייגער וויאזוי ער רעדט איין די מענטשן צו זינדיגן, ווייל הקב"ה האט אים נאר באפוילן צו איינרעדן דעם מענטשן צו זינדיגן, אבער ער האט זיך נישט באגעניגנט דערמיט, און ער האט זיך באמיט און האט אויך 'געפארבט' די עבירה מיט א 'קאליר' פון א מצוה. דערמיט האט ער צוגעברענגט די מענטש צו זינדיגן כמעט אומשולדיג, ווייל ווילאנג ער ווייסט אז דאס איז א נעגאטיווע גלוסטעניש קען ער זיך נאך פארמעסטן דערמיט און עס באזיגן, אבער אויב מען געבט צו און מען זאגט אים אז אויב ער וועט נישט נאכגיין זיינע רצונות וועט ער זינדיגן, דאס איז שוין מער ווי די כוחות פונעם מענטש, און אויף דעם קומט זיך שוין פארן יצר הרע אז מען זאל אים שעכטן.

## עֲשֵׂה לְךָ רַב

מען דארף אבער מדייק זיין אין די ווערטער און עס גוט אפלערנען, ווייל דאס 'פארבן' און 'פארדרייען' איז גורם דערצו אז דער מענטש זינדיגט 'כמעט' אומשולדיג, מען קען אים אבער נישט אינגאנצן פטר'ן, ווייל טראצדעם איז דא א טענה אויפן מענטש, ווייל פון אנהייב איז די עצה פאר אים אז ער זאל באשטימען א רב, און ער זאל גיין צו אים צו פארענטפערן און ענטשיידן אלע זיינע ספיקות, און וויבאלד ער האט דאס נישט געטון איז ער שולדיג אין זיינע זינד, און ער וועט דארפן געבן דערויף א דין וחשבון.

און ספעציעל דארף מען דאס באטאנען ווען עס קומט צו די ענינים פון טעכנאלאגיע וואס דאס איז א זאך וואס דער מענטש גלוסט דערצו, און דאס 'פארב' קען צוברענגען צו בלינד מאכן די אויגן פון חכמים און קלוגע מענטשן, און דאס איז ווי א גליטשיגע שיפע פלאץ וואו עס איז לייכט אראפצופאלן, און פון די אנדערע זייט דארף מען אויך אפשאצן יעדן פאל באזונדער, און יעדער מענטש עקסטער, אזוי אז מען זאל קענען ארויסגעבן דעם ריכטיגן פסק, בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ.

אבער דער מענטש פאר זיך אליין קען נישט זען זיינע אייגענע חסרונות, נאר ער זאל קומען צום כהן – וואס דאס איז דער תלמיד חכם וועלכער איז באהאוונט און קען זיך אויס אין די ענינים, און ער זאל ענטשיידן פאר אים און אים ווייזן וויאזוי זיך צו פירן אז ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן.

זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין זיך צו הייליגן און זיך צו רייניגן אין אלע אונזערע וועגן און מיר זאלן זיין אפגעהיטן פון אלע שטרויכלונגען פון דער צייט און די נסיונות התקופה, אמן.

# טיב המעשיות

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

**"זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ"** (כ ח).

**"זֶה שִׁיר שֶׁבַח שֶׁל יוֹם הַשְּׁבִיעִי, שֶׁבּוֹ שָׁבַת קֵל מִכָּל מְלַאכְתּוֹ. וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר, מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת כו'. – לְפִיכָךְ יְפָאֲרוּ וִיבָרְכוּ לָקֵל כָּל יְצוּרָיו, שֶׁבַח יְקָר וּגְדֻלָּה וְכָבוֹד יִתְּנוּ וכו'"** (תפילת השבת).

אין ספה"ק **שפתי צדיק** (פרשת בשלח ס"ק לה) שרייבט, וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "שָׁמַעְתִּי מִפֶּה קוֹדֶשׁ זְקֵנִי ז"ל [דאס איז דער הייליגער **חידושי הרי"ם** זצוק"ל], כְּשֶׁהָיָה עַל נִשּׂוּאֵי קוֹדֶשׁ שֶׁעָשָׂה הרה"ק **בְּאוֹסְטִילָא** שֶׁנִּתְאַסְּפוּ כִּמְעַט כָּל הַצַּדִּיקִים, שָׁמַע מפ"ק הַזָּקֵן מָרָן **רַבִּי אַבְרָהָם יְהוֹשֻׁעַ הֶעשִׁיל זצ"ל** (בעל אוהב ישראל מאפטא), דהקב"ה רָם וְנִשָּׂא, וְאֵין בְּכֹחַ שׁוּם בְּרִיָּה לָגֶשֶׁת לְהוֹדוֹת. - אַךְ הַשַּׁבָּת קוֹדֶשׁ פּוֹתֵחַ וְאוֹמֵר מִזְמוֹר שִׁיר כו' טוֹב לְהֹדוֹת, '**לְפִיכָךְ** יְפָאֲרוּ וִיבָרְכוּ', דְּעַל יְדֵי שֶׁשַּׁבָּת קוֹדֶשׁ מְעוֹרֵר שֶׁטּוֹב לְהוֹדוֹת נִפְקַח עֵינֵי הַבְּרִיּוֹת שֶׁיּוּכְלוּ לְהוֹדוֹת. **וְאָמַר שֶׁמְּתִיקוּת הַתּוֹרָה לֹא זָז מִפֶּה קָדְשׁוֹ ה' רְבִיעֵי שָׁנָה**".

***

**עס האט מיר דערציילט אַן אִישׁ נֶאֱמָן, וועלכער קען פערזענליך דעם בעל המעשה פונעם וואונדערליכן עובדא וואס איר וועט יעצט ליינען בעזר השי"ת:**

מיט צענדליגער יארן צוריק, ווען פילע אידן פון די לענדער פון אייראפע האבן אנגעהויבן אנקומען צו די ברעגן פון אמעריקע, און האבן פראבירט זיך דארט צו באזעצן, איז געווען זייער שווער צו טרעפן אן ארבעט-פלאץ, וואו מען רוט אום שבת קודש, וויבאלד דארט איז זונטיג דער אפיציעלער רו-טאָג, כידוע.

איז דארט געווען א איד א ירא שמים וועלכער איז נישט געווען גרייט צו פארציכטן אויף שמירת שבת קודש, און יעדער וואך האט ער זיך געטראפן אן אנדער ארבעט... ווייל וויבאלד ער איז נישט געקומען ארבעטן אום שבת, האט ער גלייך באקומען א בריוו אז ער איז אנטזאַגט פון די ארבעט...

זיין ווייב די צדקנית האט עס אנגענומען באהבה, און צוזאמען האבן זיי זיך געשטארקט דערמיט אז זייער גאנצע שאנד און ארימקייט איז ווערד פארן כבוד פון **שַׁבָּת מַלְכְּתָא**.

נאך א קורצע צייט וואס ער איז געווארפן געווארן פון איין ארבעט צו אן אנדערע, איז ער געבליבן אן גארנישט... נישט האבנדיג קיין פרוטה אין טאש, האט ער נישט געהאט מיט וואס צו צאלן די דירה-געלט, און נאך עטליכע ווארענונגען, האט אים דער בעל הבית ארויסגעווארפן אין גאס, צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה...

זיך דרייענדיג אזוי אין די גאסן פון '**ניו יארק**', צוזאמען מיט זיין ווייב און זיינע קליינע קינדער, האבן עטליכע אידן, אחינו בית ישראל, רחמנים בני רחמנים, זיך דערבארימט אויף זיי, און אים פארגעשלאגן אז דערווייל זאלן זיי אריינגיין אינעם 'הייצונג שטוב' וואס געפינט זיך אינעם קעלער פון זייער הויז, וואו זיי וועלן דערווייל כאטש האבן א דאך איבערן קאפ, ביז ער וועט טרעפן א פאסיגע ארבעט און א גוטן וואוינונג...

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, זענען זיי געווען געצוואונגען זיך אנצוהאלטן אינעם איינציגן לעזונג וואס זיי האבן דעמאלטס געהאט, און די גאנצע משפחה צוזאמען זענען אריינגעגאנגען וואוינען אינעם גרויסן הייצונג-שטוב.

נאך א קורצע צייט וואס זיי האבן געוואוינט דארט אינעם צימער וואס איז פול געווען מיט פייכטקייט און שמוץ, האט זיך עס גוט דערקענט אויף זייערע געזיכטער און קליידער... די שווארצע קוילן וואס האט זיך געפינען אינעם הייצונג-שטוב האט זיך אנגעקלעבט אין זייער גאנצער קערפער און אין זייערע קליידער, ביז זייער פנים און הענט איז געווארן שווארץ, און זייערע קליידער זענען פול געווארן מיט שווארצע פלעקן...

אין איינס פון די בנינים אין יענער גאס האט געוואוינט זייער א פארמעגליכער איד, א גרויסער עושר, וואס זעענדיג די ארימע קינדער ווי זיי גייען אזוי מיט צוריסענע און שמוציגע קליידער, האט ער זיך דערבארימט אויף זיי, און איז אריינגעגאנגען זען וואו זיי וואוינען...

ווען ער האט געזען די 'דירה' פון די משפחה וואס האט זיך געפינען דארט אינעם הייצונג-שטוב, איז ער צוטרייסלט געווארן ביז די טיפענישן פון זיין זעל, און ער האט געפרעגט דער טאטע פון די משפחה, פארוואס ער לאזט זיין משפחה ליידן אזא שרעקליכע צער אין אזא פארשטינקענע דירה. האט אים דער טאטע דערציילט די אמת, אז וויבאלד ער איז נישט גרייט צו ארבעטן אום שבת האט מען אים ארויסגעווארפן פון יעדע ארבעט, און ער האט נישט קיין שום פרנסה, און וויבאלד ער האט נישט באצאלט די דירה געלט, האט זיי דער בעל הבית ארויסגעווארפן פון זייער וואוינונג!

דער עושר איז זייער אנגעווארימט געווארן זעענדיג זייער מצב, און ארויסנעמענדיג זיין טשעקן-ביכל פון זיין פרעכטיגן טייסטער [בערזל], האט ער געשריבן א טשעק אויפן ארט פארן קנאקעדיגן סומע פון **פינף טויזנט דאלער!** ($5000) וואס איז געווען א ריזיגע סומע אין יענע צייטן. און ער האט ערקלערט: עס איז נישט מעגליך אייך צו לאזן אזוי אפילו פאר איין טאג! דא האט איר א שיינע סומע געלט, וואס איז גענוג פאר דירה געלט, און אויך גענוג פאר פרנסה בכבוד פאר א גאנצע יאר! איך האף אז דורכן יאר וועסטו זיך קענען באזארגן מיט א שיינע און מסודר'דיגע פרנסה, ביז דו וועסט אליין קענען שטיין אויף די פיס!

אבער צו זיין גרויס שטוינונג, האט פארן עושר אפגעווארט א קליין ענטוישונג [אכזבה], ווען די פרוי האט איידל געפרעגט פונעם מכובד'יגן עושר צי ער איז א שומר שבת... ווען ער האט געענטפערט אז נישט, האט זי אנגעהויבן שרייען מיט א הייליגן פלאקער, אז זיי וועלן בשום אופן נישט קענען נעמען א 'נדבה' פון איינער וואס איז נישט קיין שומר שבת! וויבאלד די גאנצע סיבה פארוואס זיי וואוינען דארט אינעם פארשווארצטן און פארשמוצטן פלאץ, איז דאך נאר צוליב זייער מסירות נפש פארן שבת, אויב אזוי, וויאזוי וועט מען קענען לעבן א גאנצע יאר פון געלט וואס קומט פון חילול שבת?!

דער גביר האט זיי פראבירט איינרעדן, אז נישט זיי האבן דא מחלל שבת געווען, אויב אזוי, וואס גייט זיי אן פון וואו ער האט באקומען די געלט? זיי וועלן זיך נאר אליין ראטעווען דערמיט, און ארויסגיין מִצָּרָה לִרְוָחָה! – די פרוי און איר מאן האבן זיך אבער קעגנשטעלן און זענען בשום אופן נישט גרייט געווען צו באקומען אזא סארט פגומ'דיגע נדבה וואס איז פארשמירט מיט חילול שבת!

ווען דער עושר איז צוריק אהיימגעקומען, איז ער געווען זייער צושטורעמט פון די שטארקייט פונעם ערליכן פאר-פאלק די יראי שמים, וואס זענען זיך אזוי מוסר נפש פארן הייליגן שבת. ווען דער עושר האט עס דערציילט צו זיין ווייב, האט זיך גענומען גיסן טרערן פון זיינע אויגן, און מיט גרויס באגייסטערונג האט זי אנגעהויבן רעדן צו איר מאן:

זע נאר ווי ווייט מיר זענען אראפגעגאנגען! מיר זענען דאך אויך אמאל געווען שומרי שבת, אזוי ווי מיר האבן געזען ביי אונזערע עלטערן, נאר מיר זענען נישט בייגעשטאנען דעם נסיון אזוי ווי יענער עקשנות'דיגע פאר-פאלק, נאר מיר האבן מוותר געווען אויפן שבת, און מיר האבן אראפגעגליטשט מִדֶּחִי אֶל דֶּחִי! אזוי איז אויסגעקומען אז מיר זענען יעצט גרויסע עשירים מיט געלט אבער דערנידערטע עניים אין אונזער גייסט! צו וואו האבן מיר דערגרייכט? אז אידישע ארימעלייט זענען נישט גרייט צו נעמען צדקה פון אונז, וויבאלד מיר זענען נישט קיין שומרי שבת! זע נאר ווי אט דער ביטער ארימע פאר-פאלק זענען אסאך גרעסטער און שטארקער ווי אונז!

אזוי איז די ווייב פונעם עושר געזעצן און געוויינט אן אויפהער, ערקלערנדיג אז זי האט נישט קיין שום ספק אז דער פאסירונג איז צוגעשיקט געווארן צו זיי פון הימל, און דאס איז א קלארער סימן פאר זיי אז זיי זאלן אויפהערן מחלל שבת זיין!

דער גביר איז אויך נתעורר געווארן פון די תשובה פון זיין ווייב, און נאך א קורצע צייט איז ער צוריקגעגאנגען מיט זיין ווייב צו די משפחה וואס האט זיך געפינען אינעם הייצונג-שטוב, און ער האט הייס צוגעזאגט אז פון היינט און ווייטער נעמט ער זיך אונטער צו היטן דעם שבת כהלכתה! און זיי האבן אנגענומען זיין נדבה מיט די הארציגסטע ברכות.

פון יענעם שבת און ווייטער האבן זיך אויפגעהערט די חילולי השבת אויפגעהערט אינעם הויז פון עושר, און ער איז געווארן א פולשטענדיגער בעל תשובה!

און פון די אנדערע זייט האט זיך די משפחה שיין אוועקגעשטעלט דורך די שיינע נדבה, און דער טאטע האט געטראפן א גאר פאסיגע ארבעט, און מיט די צייט איז ער געווארן איינער פון די חשובי הקהל אין ניו יארק!


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173